Rok II. Kraków, 5 marca 1909 — קראקא, י"ב אדר תרס"ט. Nr 8.




Żydowska gazeta illustrowana.

Wychodzi każdego piątku.

Prenumerata wynosi: Rocznie 10 K. = 5 Rbs. Półrocznie 5 K. = 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 = 1.50 Rbs.

Pojedynczy egzemplarz 20 h. — 10 Kop.

Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.

Judische Illustrierte Zeitung.

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס־פרייז: יעהרליך: 10 קראָנען = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראָנען = 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראָנען, = 1.50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער 10 קאפ.

אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7.50 פיערטעליעהריג 4 פראנק.

רעדאקציאן און ארמיניסטראציאן: קראקא גראָדזקא 62. טעלעפאן נו׳ 412.
עסטערר. פאָסטשפארקאסען־קאנטא נו׳ 57,341.

הויפּטפּערטרעטונג פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, מיאדאווא נו׳ 12 פיליע אין לאדז: פרזעיאזד נו׳ 16.

## ערב־וועלט־קריעג?



ערב-וועלט-קריעג: די ענגלישע קריעגספלאָטע אין דער נארד־זעע.

# גראטיס ביילאגע: דער פורים־רב



וואס וויל סערביען: אים אָפיציערסקאַסינא אין בעלגראד האלט קראָנפרינץ געאָרג א העצרעדע געגען עסטרייך.

# ערב-וועלט-קריעג?

די פאליטישע לאגע אויף דעם באלקאַן איז נאך אלין נישט בערוהיגט. עסטרייך-אונגאַרן האט זיך שוין מיט דער טירקיי אויסגעגלייכט. אויך בולגאַריען האלט שוין ביים סוף פון אויסגלייך; נאר סערביען וויל זיך נאך אלין נישט בערוהיגען. עס מוז בעקומען א טהייל פון באסניען-הערצעגאָווינא — טענה'ן די סערבישע מי-ניסטער — אדער ס'וועט גרייפען צום שווערד.

קראָנפרינץ געאָרג האלט ווייטער „פייערדיגע" רע-דען פאר די אָפיציערע, די רעגיערונג פערלאנגט פון דער סקופּשטשינא נייע קרעדיטע פאר קריעגסצוועקע, די ארמעע ווערד ווייטער מאביליזירט און יעדען טאג קען דער קריעג אויסברעכען.

עס איז קלאָר, אז סערביען פערלאָזט זיך נישט אויף זיינע אייגענע כחות און רעכענט מיט בעשטימטהייט אז אויב ס'וועט קומען צום קריעג, וועט עס נישט שטעהן אליין. הילף אבער, פיזישע הילפע, קען עס נאר בעקומען פון רוסלאנד און אויב רוסלאנד זאל זיך טאקי אין דעם קאָנפליקט אריינמישען, מוז עס קומען צו א וועלט-קריעג.

דייטשלאנד וועט דערמילט תיכף איילען עסטרייך צו הילף. דאס איז איצט נאָר קיין שום ספק נישט. נישט בלויז די דייטשע רעגיערונג, אויך די דייטשע פּרעסע און די פיהרער פון אלע פּאַרטייען ערקלערען גאַנץ אפען, אז דייטשלאנד וועט האלטען טריי די אַליאַנץ מיט עסטרייך-אונגאַרן. אבער אין דעם פאל וועט דאך פראנק-רייך מוזען קומען רוסלאנד צו הילף און דאס קריעגס-פייער וועט אויסברעכען אין אלע ווינקעליך פון אייראָפּא.

פראנקרייך איז זייט באלד 40 יאָהר, זייט דעם לעצטען דייטש-פראנצעזישען קריעג, דייטשלאנד'ס גרעס-טער געגנער. אין פריהערינע יאָהרען וואָלט פראנקרייך זיכער געזוכט בענוצט די געלעגענהייט, זיך צו „רעוואַנ-שירען" געגען דייטשלאנד. איצט אבער איז די פראנצע-זישע רעגיערונג און דאס פראנצעזישע פאָלק גרויסע פריינד פון פריעדען און מען קען זאָגען, אז נאָר פראנק-רייך איז עס צו פערדאנקען, וואס דער קריעג איז ביז איצט נישט אויסגעבראכען. פראנקרייך ווייסט גאַנץ גוט אז ביי אַזאַ וועלטקריעג וועט עס זעהר ווייניג געוואונען. די מיליטערישע לאגע איז אזעלכע, אז עסטרייך-אונגאַרן און דייטשלאנד זענען וועניגסטענס אַזוי שטאַרק ווי רוסלאנד מיט פראנקרייך, און חוץ-לזה וועט דאך אויך איטאַליען זיכער האלטען מיט זיינע לאַנגיעהריגע פער-בינדעטע ווי מיט די נייע חברים. עלזאַס-לאָטהרינגען צו-ריקגעוואונען וועט אלזא פראנקרייך שווער; דאגעגען וועט עס פערלוסטען אין א געפעהרליכען קריעג און אפּ-פערן זיינע בעסטע כחות אהן אַ שום נוצען, און אהן א אייגענעם אינטערעס.

פראנקרייך איז איבערדעם דער אייפריגסטער פריע-דענס-מעקלער; עס וויל פערמיטלען צווישען וויען און בעלגראד, עס האלט אב רוסלאנד פון אונטערצושטיצען סערביען און מעגליך, אז עס וועט איהם געלונגען, צו [illegible] דעם פריעדען.

דאס גרעסטע אינטערעסע, עס זאל אויסברעכען א קריעג, האט ענגלאנד. אליין וועט עס זיך נישט בעטהייליגען אין איהם, און אויב אפילו יא, איז עס זי-כער אין זייער שטארקער קריעגס-פלאָטע. אז עס וועט איהם גאר נישט געשעהען, דאגעגען וויל עס, אז די איבריגע לענדער זאלען זיך געגענזייטיג פערבלוטען און ענגלאנד וועט דערמילט שפּיעלען די הויפּט-ראלע אין דער וועלט-פאליטיק.

פון ענגלאנד'ס זייט דראָהט איבערדעם דער וועלט: דער געפעהרליכער קריעג און ענגלאנד'ס געוואלטיגע קריעגס-פלאָטע, וואס איז איצט פערזאמעלט אין דער נארד-זעע, פון וועלכער מיר ברענגען אין אונזער היינטי-גער נומער א אריגינעל בילד, איז דאס סימבאל פון צוקינפטיגען וועלט-קריעג.

# וואס וויל סערביען.

סערביען און מאנטענעגרא פערלאַנגען כסדר. עסטעררייך זאל זיי אבטרעטען א שטיק פון באסניען-הערצעגאווינא, כדי זיי זאלען האבען א פרייען וועג צום מעער און זאלען נישט ברויכען צו עקספּאָרטירען און צו אימפּאָרטיערען זייערע סחורות דורך עסטעררייך.

ס'איז ריכטיג, אז דורך אזא דירעקטער פערבינדונג וועלען די ביידע לענדער פיעל געוואונען אין ווירטהשאַפט-ליכער בעציעהונג. אָבער די שאלה איז מיט וועלכען רעכט זיי פערלאַנגען דאס פון עסטעררייך. באסניען-הערצעגאווינא האט זיי קיינמאל נישט געהערט און זיי האָבען דאַרויף קיין שום אַנשפּרוך נישט.

כדי די סערבישע פאָרדערונגען קלאָר צו מאכען, ברענגען מיר אין אונזער היינטיגער נומער א סקיצע פון א לאַנדקארטע, וועלכע שטעלט פאר די לאַגע פון די ביידע לענדער און פון באסניען-הערצעגאווינא. דאס שטיק לאַנד, וועלכעס איז דונקעל געשטרייפט, אט דאס פער-לאַנגען זיי, עסטעררייך זאָל זיי אבטרעטען.

לעת-עתה אָבער מעגען זיי דערווייל פערלאנגען.

מיר ברענגען אויך אין אונזער היינטיגער נומער א בילד. פארשטעלענדיג די סצענע, וואו קראנפּרינץ געאָרג האַלט א קריעגס-רעדע אים בעלגראדער אפיציערס-קאַסינא און די אָפיציערע שווערען איהם צו, מיט די נעצויגענע שווערדען, צו געהן אין מלחמה אריין.




וואס וויל סערביען: דאס שטיק לאנד, וואס איז מיט שווארצע שטריכען צווישען באסניען-הערצעגאווינא און סערביען-מאנטענעגרא.





דער עסטעררייכישער טהראנפאלגער (X) און זיין פאמיליע אין סט. מאריץ.

# דער עסטעררייכישער טהראנפאלגער.

אויסלענדישע צייטונגען ברענגען אין דער לעצטער צייט אסך בעריכטע, אז דער געזונדהייטס-צושטאנד פון דעם עסטעררייכישען טהראנפאלגער, ערצהערצאג פראנץ פערדינאנד, איז נישט קיין גוטער און אז דער פרינץ וועט זיך מוזען צוריקציהען פון יעדער טהעטיגקייט.

ווי ס'ווערד אפיציעל בעריכטעט, זענען אלע דיזע נאכריכטען פאלש. דער ערצהערצאג האט מיט זיין פאמיליע געוויילט עטליכע וואכען אין דעם שווייצערישען ווינטער-קוראָרט סט. מאריץ, וואו ער האט שטאַרק נעפּלעגט דעם ווינטער-שפּאָרט און אין דיזע טעג א היים געקומען פאלשטענדיג געזונד.

שוין אויף דעם וועג, אין זאלצבורג, האבען איהם ערוואַרט עטליכע גענעראלע, מיט וועלכע דער ערצהערצאג האט אפגעהאלטען א וויכטיגע מיליטערישע בעראטהונג.

ערצהערצאג פראנץ פערדינאנד איבערנעמט תיכף, נאך זיין קומען קיין ווין, ווידער די לייטונג פון אלע וויכטיגע שטאאטס-אנגעלעגענהייטען, וועלכע ער האט ביז איצט געפיהרט. זיין געזונדהייטס-צושטאנד איז א פארצינגליכער.

אין אונזער היינטיגער נומער ברענגען מיר צוויי אינטערעסאנטע בילדער, פארשטעלענדיג דעם ערצהערצאג מיט זיין פאמיליע אויף א שפּאַציערגאנג אין סט. מאריץ, און דעם מאמענט, ווען דער פרינץ פארט ארויס פון דעם שווייצערישען קוראָרט צוריק א היים.

# פון מאנטענעגרא.

דאס קליינע מאנטענעגרא שפּיעלט אין דער איצטיגער באלקאן-קריזע א גרויסע ראָלע. נישט אזוי וויל עס איז דורך זיין געאגראפישע לאגע שווער צוגענגליך און אפילו אזא גרויסע מיליטערישע מאכט ווי עסטערייך-אונגארן וועט האבען דאמיט א שווערען ביסען, ווען ס'זאל קומען צום קריעג; נאר אויך דאפאר, וואס די דאָרטיגע דינאסטיע איז א נאהענטער קרוב פיעל אייראָפּעאישער הערשער-פאמיליען, וועלכע וועלען דאס קליינע לאנד שיצען נאך מעגליכקייט...

דיזע טעג האבען סערבישע בלעטער פערעפענטליכט א בריעף פון דער איטאליענישען קעניגין העלענא א טאָכטער פון דעם מאנטענעגרינישען פירסט, צו איהר מוטער. אין וועלכען זי שרייבט, אז אויב די זעלבשטענדיקייט פון מאנטענעגרא זאל ווערען בעריהרט, וועט זי פערציכטען אויף דער קעניגסקרוין. דער בריעף איז אפילו געפעלשט. אבער אין אמת'ן ווערד די איטאליענישע פּאָליטיק שטאַרק דורך דער קעניגין בעאיינפלוסט און אין ערנסט-פאל מוז מען דאמיט רעכענען.

אים נעגענזאץ צו סערביען, וואו דער קעניג האלט זיך קוים אויף דעם שטוהל און ציטערט פאר זיין לעבען, איז דער פירסט ניקאלוס פון מאנטענעגרא ביי זיין פאלק שטאַרק בעליעבט, עבענזא די גאנצע קעניגליכע פאמיליע.

דער פירסט פערקעהרט דירעקט מיט זיין פאָלק. ער רעדט מיט די בויערן פריינדליך און לייטזעליג ווי מיט זיינס-גלייכען און יעדער מאנטענעגרינער בעט-אבט עס פאר דעם גרעסטען גליק, ווען ער קען זיין פירסט קושען די פוס.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א בילד, פארשטעלענדיג א סצענע, ווי די מאנטענעגרינישע בויערן בעגריסען זייער פירסט, איהם קישענדיג די פוס.

אט דאס פאטריארכאלישע פערהעלטניס צווישען פאלק און פירסט מאכט דאס קליינע מאנטענעגרא שטאַרק און די וועלט-פאליטיק מוז מיט איהם רעכנען.



אין מאנטענעגרא: מאנטענעגרינישע בויערן קישען דעם פירסט ניקאלוס די פיס.



אינטערשריעבען דעם אויסגלייך: דער נייע טירקישע מיניסטער דעם אייסערן, ריפאט פאשא.

# א יאפאנישער פרינץ אין וויען.

זייט צוויי וואכען ווײלט דער יאפאנישער פרינץ קוניאזי קוני, א נאהענטער קרוב פון יאפאנישען קאיזער, אין וויען. דער צוועק פון דער [illegible] איז, צו שטודירען די מיליטערישע איינריכטונגען אין די אייראפעאישע לענדער. יאפאן וויל נעמליך אלע נייע נוצליכע איינריכטונגען ביים מיליטער-וועזען אין אייראפא קענען לערנען און נאך מעגליכקייט ביי זיך איינפיהרען.

דער פרינץ איז ערשיענען ביים קאיזער אויף א אודיענץ און דער קאיזער האט איהם געשענקט דעם סטעפאנס-ארדען.

פרינץ קוני איז זעהר קליין און ביים פעסט-מאהל, וועלכעס איז געווען אין דער האפבורג פאר זיין כבוד געגעבען, האט ער וועגען זיין קינדריש אויסזעהען ערוועקט אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט. ער איז שוין אלט 36 יאהר.

דער פרינץ, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטיגער נומער, איז שוין עטליכע מאל געווען אין אייראפא. עסטערייך בעזוכט ער אבער צום ערשטען מאל און אונזערע מיליטערישע איינריכטונגען זענען איהם זעהר געפעלען.



א יאפאנישער פרינץ אין וויען: פרינץ קוניאזי קוני.

# אונטערגעשריעבען דעם אויסגלייך.

אין א גוטער מזלדיגער שעה איז אם לעצטען פרייטאג דער אויסגלייך צווישען דער טירקיי און עסטרייך-אונגארן אונטערגעשריעבען געווארען. די טירקיי אנערקענט אין איהם די אנעקסיאן פון באסניען-הערצעגאווינא דורך עסטרייך-אונגארן, דאפאר בעקומט זי 56 מיליאנען קראנען. די צושטימונג פון עסטרייך-אונגארן, דעם איינפוהרצאל אויף געוויסע סחורות צו העכערן און די אויסזיכט אויף אנדערע ווירטהשאפטליכע בעגינסטיגונגען. די עסטרייכישע פאסטאמטער אין דער טירקיי זאלען אויפגעלעזט ווערען אין דיעניגע ערטער, וואו סזענען נישט פאהאנען אויך פאסטאמטער פון אנדערע אייראפעאישע שטאאטען. דארט אבער, וואו עס עקזיסטירען אויך פאסט-אמטער פון אנדערע שטאאטען, ערקלערט זיך עסטרייך גרייט, זיינע פאסטאמטער אפצושאפען ווען אויך די אנדערע שטאאטען וועלען טהון דאסועלבע.

דער בויקאט אויף עסטרייכישע סחורות האט שוין אין גאנצען אויפגעהערט. עס שטעלט זיך ארויס, אז די טירקישע האנדעלס וועלט האט דורך איהם געליטען מעהר ווי עסטרייך און די טירקישע סוחרים בעאיילען זיך איצט, זייערע געשעפטס-פערבינדונגען מיט די עסטרייכישע סוחרים צו ערנייערען. די ענגלישע שפעקולאציעס, צו פערדרענגען דעם עסטרייכישען האנדעל פון דער טירקיי, זענען נישט געלונגען.

דער נייער טירקישער מיניסטער דעם אייסערן, דער ביזהעריגע באטשאפטער אין לאנדאן, ריפאט פאשא, וואס מיר ברענגען זיין בילד אין אונזער היינטיגער נומער, איז אויף זיין רייזע קיין קאנסטאנטינאפעל אבגעשטעטען אין וויען, וואו ער האט געפיהרט לענגערע אונטערהאנדלונגען מיט דעם מיניסטער באראן עהרענטהאל און איז אויך עמפפאנגען געווארען אין אודיענץ פונים קאיזער. דאס פערהעלטניס צווישען עסטרייך-אונגארן און דער טירקיי איז ווידער אזוי גוט ווי פריהער. דער אויסגלייך בעדייטעט א גרויסען ערפאלג פון דער עסטרייכיש-אונגארישער פאליטיק.

---

## די לעצטע פוילישע „רעפובליק".

נישט ווייט פון קאנסטאנטינאפעל, ביים באספארוס, געפינט זיך דארפס-געמיינדע אדאמפאל, בעוואהנט פון לויטער פוילען, וואס שטאמען אב פון די פוילישע עמיגראנטען, וועלכע זענען דארטהין אין דער ערשטען העלפט פון 19-טען יאהרהונדערט אויסגעוואנדערט.

די געמיינדע איז יאהרענלאנג געשטאנען אונטער פראנצויזישען שוץ און ביי דעם פוילען פערוואלטונגס-סיסטעם אין דער טירקיי האט זיך קיינער וועגען איהר נישט געקומערט. זי האט נישט געצאהלט קיין שטייערן און איז געוועזען פריי פאר זיך ווי א זעלבשטענדיגע „רעפובליק".

נאך דעם דייטש-פראנצויזישען קריעג האט פראנקרייך א נידערגעלעגט דאס פראטעקטאראט איבער דעם דארף. נישט-וועלענדיג האבען צו טהון מיט פרעמדע אנגעלעגענהייטען. די טירקיי האט די געמיינדע געוואלט צונעהמען, אבער די בעוואהנער האבען זיך געווענדעט צו דער עסטרייכישען רעגירונג, ווי זאל איבערנעהמען דאס פראטעקטאראט איבער זיי. די אונטערהאנדלונג האבען זיך געשלעפט און געשלעפט, ביז מען האט פון ביידע צדדים אין דער גאנצער מעשה פערגעסען. די „רעפובליק" איז ווייטער געבליעבען „רעפובליק".

איצט, ווען ס'איז אין דער טירקיי ווידער איינגעפיהרט געווארען די קאנסטיטוציע און מען האט אויסגעשריעבען די וואהלען צום פארלאמענט, האט זיך די טירקישע פערוואלטונג דערמאנט אין אדאמפאל און די געמיינדע צוגעשטעפעט צו א וואהלבעצירק.

די בעוואהנער האבען צוואר ערקלערט, אז זיי שטעהען אונטער עסטרייכישען שוץ און געהערען גאר נישט צו דער טירקיי. אבער ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז עסטרייך האט פאקטיש דאס פראטעקטאראט איבער זיי נישט איבערגענומען, און איבערדעם איז די ביזהעריגע פוילישע „רעפובליק" געווארען א נעוועהנליכע טירקישע דארפסגעמיינדע, אין וועלכער עס וועלען שוין הערשען די טירקישע געזעצע.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א בילד פון דער געמיינדע אדאמפאל, פון דער לעצטען פוילישען רעפובליק וועלכע איז איצט בטל געווארען.



יוליאוס ריטער פון גאמפערץ.



די קריזע אים גאליציאנער לאנדסמאן-מיניסטעריום: דער קאנדידאט פאר דיעזען מיניסטעריום דר. דולעמבא.



דעם שאח'ס ברודער געפאנגען: פרינץ שוא עס סולטאנאה, וועלבען די פערסישע רעוואלוציאנערע האבען געפאנגען.



א שרעקליך שיפ'ס־אונגליק: די לאנדונגסבריק פונ'ם שיף „קאיזערין אויגוסטא־וויקטאריא" רוקט זיך אראב פון דער כויער און 30 פערזאנען שטירצען אין וואסער אריין

מיר אין אונזער היינטיגער נומער, וועט פיהרען צו א איינינונג צווישען דעם שאה און די רעוואלוציאנערע.

## די קריזע אים פוילישען לאנדסמאן־מיניסטעריום.

דער שטרייט צווישען דעם פרעזידיום פון פוילען־קלוב און דעם פוילישען לאנדסמאן־מיניסטער אבראהאמאוויטש איז נאך נישט בעענדיגט; אבער ווי ס'זעהט אויס, וועט אבראהאמאוויטש מוזען אראב פונ'ם בענקיל. דער פוילען־קלוב איז דער מיינונג, אז נאכדעם ווי דאס רוב פון קלוב בילדען איצט די דעמאקראטען און די פאלקס־פארטיי, פאסט עס נישט, או ביידע פוילישע מיניסטער, בילינסקי און אבראהאמאוויטש, זאלען אנגעהערען דער קאנזערוואטיווען פארטיי. אבראהאמאוויטש וועט איבערדעם מוזען רעזיגנירען און דאס טאקי שוין רעזע טען.

צווישען די קאנדידאטען אויף זיין נאכפאלגער האט די מייסטע אויסזיכט דער אבגעארדנעטע דר. דולעמבא, מיטגליעד פון דער דעמאקראטישער פראקציע, דר. לאדיסלויס ריטער פון דולעמבא איז שוין מיטגליעד פון רייכס־ראטה זייט עטליכע יאהר און פריהער איז ער געוועזען וויצעפרעזידענט פון פוילען־קלוב. ער איז 58 יאהר אלט.

ביי די לעצטע וואהלען צום רייכסראטה איז ער געוועהלט געווארען אים וואהלבעצירק ביזשאני־האראראוו נאך א העפטיגען וואהלקאמפף געגען דעם ציוניסטישען קאנדידאט דר. שמואל ראפאפארט.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער דאס בילד פון דער צוקונפטיגען מיניסטער.

## יוליאוס ריטער פון גאמפערץ.

אין ברין איז פארינע וואך דאס מיטגליעד פון העררענהויז, יוליאוס ריטער פון גאמפערץ, 89 יאהר אלט געשטארבען.

דער פערשטארבענער איז געוועזען דורך מעהר פון 25 יאהר פרעזידענט פון דער ברינער האנדעלס־קאמער און אויך יאהרעלאנג פרעזידענט פון דער יודישען כולטוסגעמיינדע אין ברין און פרעזידענט פון דעם מעהריש־יודישען לאנדעס־מאססאפאנד.

דורך 19 יאהר איז ער געוועזען דעפוטירטער פון עסטערייכישען רייכסראטה, אלס מיטגליעד פון דער ליבעראלען פארטיי. אים יאהר 1892 האט איהם דער קאיזער ערנאנט צום לעבענסלענגליכען מיטגליעד פון העררענהויז אלס פערטרעטער פון די יודען.

ריטער פון גאמפערץ שטאמט איינער פון די עלטעסטע און אנגענעהמענסטע יודישע פאמיליען אין מעהרען, זיינע ברידער זענען אוניווערזיטעטס־פראפעסאר טהעאדאר גאמפערץ, עבענפאלס מיטגליעד פון הערנהויז און פיליפ ריטער פון גאמפערץ, פרעזידענט פון דער קרעדיט־אנשטאלט.

אין יודישע־כלל זאכען איז דער פערשטארבענער, לויט זיין אלט־ליבעראלער אויפאסונג, געוועזען א אייפריגער שהוער און פיעל יודישע אינסטיטוציעס אין מעהרען האבען איהם זייער גוויסטענץ צו פערדאנקען.

## א ברודער פוז פערזישען שאה געפאנגען.

די רעוואלוציע אין פערזיען וויל גאר נישט אויפהערען. כסדר קומען פון דארט מעלדונגען איבער בלוטיגע קעמפפע צווישען דעם שאה'ס מיליטער און די רעוואלוציאנערען. באלד זיגט דער שאה, באלד די רעוואלוציאנערען, אבער ביידע פארטייען זענען ווי ס'זעהט אויס, צו שוואך, איינאנדער גענצליך צו בעזיעגען און אזוי דויערט שוין דער בלוטיגע בירגערקריעג חדשים און יאהרען און ס'נעמט נישט קיין סוף!

פארינע וואך איז ווידער פארגעקומען א שווערער קאמפף ביי טעבריז, דער הויפטשטאדט פון דער רעוואליציע, און דעם שאה'ס מיליטער האט בעקומען א גרויסע מפלה.

אבער נישט בלויז אין טעבריז, נאר אויך אין אנדערע געגענדען פון פערזיען האבען די רעוואלוציאנערען א שטארקע מאכט. דאס איז צו זעהען דאפון, וואס ס'איז פארינע וואך געלונגען, געפאנגען צו נעהמען דעם שאה'ס עלטסטען ברודער, דעם פרינץ שוא עם סולטאנעה, וועלכער איז צוריקגעקומען פון א רייזע אין איירָאפא.

די רעוואלוציאנערע ווילען דעם קאיזערליכען פרינץ האלטען פאר א משכון, אז דער שאה וועט נישט מעהר די געפאנגענע רעוואלוציאנערע פלאגען און אויך אכזריות־דיגען אומן טעדטען. קיין אויסלייזונגס־געלד ווילען זיי פאר דעם פרינץ נישט נעהמען.

ס'איז מעגליך אז דאס געפאנגענעהמען פון דעם פרינץ שוא עם סולטאנאה, וואס זיין בילד ברענגען

## א וואפפען־שמוגגלער.

אין די איצטיגע אונרוהיגע צייטען, ווען מען רעדט אזוי פיעל פון קריעג און מען רעכענט, אז עס קען יעדען טאג אויסברעכען א שרעקליכע מלחמה, ניפט מען אויף די אונגארישע אייזענבאהנען גוט אכטונג אויף יעדען עפיס פערדעכטיגען פערשוין, אפשר איז דאס א שפיאן ארער א וואפען־שמוגגלער.

אז אזא מין פערדאכט איז גאנץ בערעכטיגט, בעוויזט דער פאל, וועלכער האט זיך געטראפען פארינע וואך אויף דער אייזענבאהנע שטרעקע צווישען בעלגראד און בודאפעסט.

דעם שלאפוואגען־קאנדוקטער פון אבענר־שנעל צוג איז אויפגעפאלען א פאסאשיער, וועלכער האט מיט זיך געפיהרט זעהר פיעל געפעק און האט עס נישט אראב־געלאזט פונ'ם אויג. ער האט איהם אויפגעפאדערט, זיך



א וואפען־שמוגלער: אויף דער רייזע פון בעלגראד קיין בודאפעסט פאקט דער קאנדוקטער א שמוגלער פון וואפען.



די בולגארישע ארמעע: בולגארישע מארינע זאלדאטען ביי א שיעס-איבונג.

צו לעגיטימירען. דער רייזענדע ענטפערט, אז ער איז א הויף-קוריער פון דייטשען קאיזער און פאהרט איצט פון זאפיא, וואו ער האט אבגעגעבען דעם קעניג פון בולגאריען א וויכטיגען בריעף פון דייטשען קאיזער.

די ערצעהלונג האט זיך דעם קאנדוקטער נישט געוויזען אמת'דיג. ער האט ארויסגערופען צוויי שאנדארען און מען האט דאס געפעק פון דעם פערשוין אונטערזוכט. מען האט דארין געפונען א גרויסע מענגע פולווער און קוגעלן און אין א גרויסען לעדערנער טאשע דריי שיעס-געוועהרע. די שאנדארען האבען דעם אורח ביי דער נעכסטער שטאציע ארעסטירט. מען רעכענט, אז ער מוז זיין א וואפען-שמוגלער פון דער סערבישער קריעגס-פערוואלטונג.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א אריגינאל בילד, פארשטעלענדיג דעם מאמענט, ווען מען ענטדעקט ביי דעם פערדעכטיגטען רייזענדען די וואפען-שמוגלעריי.

# א שרעקליך שיפס-אונגליק.

פאריגען מיטוואך האט זיך אין דעם האמבורגער האפען געטראפען א שרעקליך אונגליק, דורך וועלכע צעהנדליגע מענשען האבען פערלוירען דאס לעבען.

נעגען 8 א זייגער אבענדס איז דאס שיפס-פערזאנאל און די מאנשאפט פונ'ם שיף „קאיזערין אויגוסטע וויקטאריא" אויף דער לויף-בריק אריבערגעגאנגען. די לויף-בריק איז געווען אנגעשפארט, ווי געוועהנליך, פון איין זייט אן דעם שיף און פון דער אנדערער זייט ביי דער מויער פונ'ם קאי.

פלוצים, אין דער צייט ווען אויף דער בריק האבען זיך געפונען פיעל פערזאנען, האט זי זיך פון דער קאי-מויער א־אבגעגלישט און אלע פערזאנען, א קעגען 30 מענער, פרויען און קינדער, זענען אריינגעפאלען אין וואסער אריין.

די אראבגעפאלענע האבען געמאכט א יאמערליך געוואלד און באלד זענען זיי געקומען צו הילף די פייער-וועהר ווי אויך די מאטראזען פון די אנדערע שיפען, וואס ליעגען אים האפען. 17 פערזאנען, דאראונטער עטליכע שווער-פערלעצטע, האט מען געקענט רעטען, די איבריגע זענען דערווייל פערשוואונדען געווארען צווישען די גרויסע שטיקער אייז, וואס שווימען אויף דער עלבע, און מען האט זיי נישט מעהר געקענט ארויסראטעווען.

אין אונזער היינטיגער נומער ברענגען מיר א אריגינעל בילד, פארשטעלענדיג דעם מאמענט, ווען די שרעקליכע קאטאסטראפע קומט פאר.

# די בולגארישע ארמעע.

בולגאריען איז דאס יונגסטע קעניגרייך אין אייראפא, עס איז אויך דאס יונגסטע זעלבשטענדיגע לאנד. ביז צום יאהר 1878 איז עס געווען א טירקישע פראווינץ און ערשט דער בערלינער קאנגרעס האט עס געמאכט פאר א זעלבשטענדיג פירסטענטהום.

אבער טראצדעם שפיעלט עס אין דער באלקאן-פאליטיק די גרעסטע ראלע און אפילו די גרויסע שטאאטען רעכנען מיט איהם ווי מיט א וויכטיגען פאקטאר.

צו פערדאנקען האט בולגאריען זיין אנזעהען אין ערשטער ליניע זיין טיכטיגער ארמעע. ווי קליין דאס לאנד איז נישט, ווי שוואך עס זענען נישט זיינע פינאנציעלע הילפסמיטעל, האט עס דאך זיין ארמעע אזוי אויסגעבילדעט און מיט אלע מאדערנע איינריכטונגען פערזעהען, אז אפילו די טירקיי, וועלכע איז דאך א גרויסמאכט, האט מורא געהאט פאר א קריעג מיט איהם און דולדעט שטילשווייגענדיג, וואס בולגאריען האט איהם נאנצען אראבגעווארפען פון זיך זיין איבעראויפזיכט. זאגען ס'זאל איצט קומען צו א קריעג אויף דעם באלקאן, וועט די האלטונג בולגאריענס זיין פון גרויסער בעדייטונג און אויב ס'איז אמת, אז עסטעררייך-אונגארן האט זיך געזיכערט בולגאריענס אונטערשטיצונג אים קריעגספאל, אזוי איז דאס א וויכטיגער פאליטישער זיעג.

בולגאריען קען היינט שטעלען באלד א פיערטעל מיליאן גוט אויסגעבילדעטע סאלדאטען אויף דעם פעלד. די גאנצע ארמעע קען אין דער קורצעסטער צייט ווערען מאביליזירט, ווי מען האט ערשט קירצליך געזעהען אין דעם קאנפליקט מיט דער טירקיי. די ארמעע פערפינגט איבער גענוג וואפען, מוניציאן קליידער, און אלע נאטהווענדיגע זאכען. דאס אפיציערס-קארפס איז גוט אויסגעבילדעט און מאדערן געשולט.



דר. פיענטאק געשטארבען.

דאס גרעסטע פערדיענסט אין דער אויסבילדונג פון דער ארמעע האט זיך ערווארבען דער פירסט, איצט שוין קעניג פערדינאנד פון בולגאריען, ער איז אויך ביי דער ארמעע ווי ביים פאלק שטארק בעליעבט און פאפולער. דאס לאנד האט זעהר פיעל צו פערדאנקען זיין טיכטיגער ארמעע, נאך איידער זי האט בעוויזען גבורות אויף דעם שלאכטפעלד.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער צוויי בילדער פון דער בולגארישער ארמעע.

# דר. פיענטאק געשטארבען.

אין וויען איז אין לעצטען פרייטאג געשטארבען דער געוועזענע פוילישע לאנדסמאן-מיניסטער דר. לעאנהארד פיענטאק, 68 יאהר אלט.

דר. פיענטאק איז געווען פראפעסאר פון האנדעלס-רעכט אויף דער לעמבערגער אוניווערזיטעט און איינער פון די טיכטיגסטע פוילישע יוריסטען. פון יאהר 1897 ביז צו די לעצטע וואהלען איז ער געווען מיטגליעד פון



די בולגארישע ארמעע: בולגארישע אינפאנטעריע ביים מאנעווער.



א משיגענער זוהן: אין אנ'אנפאל פון שגעון דערהרגע'ט א זוהן זיין מוטער און פערלעצט זיין פאטער.

רייכסראטה, געוועהלט פון לעמבערגער וואהלקרייז. אים יאהר 1900, אים מיניסטעריום קערבער, איז ער געווא־ען פוילישער לאנדסמאן־מיניסטער; אין דער זעלבען שטעלע איז ער אויך געבליעבען אים מיניסטעריום גויטש און האהענלאהע.

נאך איינפיהרונג פון אלגעמיינעם וואהלרעכט האט איהם דער קאיזער ערנאנט צום לעבענסלענגליכען מיטגליעד פון הערענהויז.

צו די יודען האט זיך דר. פיענטאק נישט בעזונ־דערס פריינדליך פערהאלטען, האטשי ער איז זאנסט גע־ווען א גאנץ ליבעראלער מענש. אים לעמבערגער גע־מיינדע־ראטה, וואו ער איז געוועזן מיטגליעד, האט ער א מאל אין א דיסקוסיע וועגען דער זאנטאגס־רוה געזאגט: „די יודען מוזען וויסען, אז זיי וואהנען אין א קריסטליך לאנד און נישט אין ארץ־ישראל". בעקאנט זענען אויך זיינע ווערטער, ווען דער אונגליקליכער פאטער א־א־ט־י־ן האט ביי איהם געבעטען, ער זאל איהם העלפען בעפרייען זיין טאכטער פון רעך שמד: „ביי די מהויערן פון דעם קלויסטער הערט אויף די וועלטליכע מאכט. מיר קענען דארט קיין דעה נישט זאגען!"

די לייכע פון דער פערשטארבענעם עקס־מיניסטער, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין אונזער היינטיגער נומער, איז איבער־געפיהרט געווארען קיין לעמבערג.

---

# א משוגענער זוהן.

פון דעם גאליצישען שטעדטעל בוסק בעריכטעט מען איבער א שרעקליכען פאל, וואס האט זיך דא־ט ערא־יגנעט.

א ראַ־טינע יודישע פאמיליע, האבענדיג א משוגענעם זוהן, האט איהם איבערגעגעבען אין דער משוגעים־אנשטאלט אין קאלפארקאוו.

האטשי ער איז נאך נישט געווען אים גאנצען געהיילט, האט איהם די פאמיליע מיט עטליכע טעג צו־יק גענומען א היים און דיעזע אינפארזיכטיגקייט האט גע־פיהרט צור א שרעקליך אונגליק.

דער הויפט־שגעון פון דעם זוהן איז געווען, אז ער פלעגט זיך ווארפען אויף די אייגענע עלטערן און שוין עטליכע מאל איז פא־געקומען, אז ער האט זיי פערלעצט.

אויך דאסמאל איז איהם געראדע דעמילט אנגע־קומען דער שגעון, ווען ער איז געווען אין ישוב אליין מיט די עלטערן.

דער משוגענער האט געחאפט א שווערען אייזערנעם טאפ און מיט איהם געגעבען זיין מוטער אזא שטארקען קלאפ איבער׳ן קאפ, אז זי איז תיכף א גיעדערגעפאלען טוידט. דער פאטער, וועלכער איז געאיילט זיין פרוי צו הילף, האט אויך בעקומען צוויי טיעפע לעכער אין קאפ, אבער ער איז געבליעבען לעבען.

דעם משוגענעם וועט מען שוין איצט וויעדער איבערגעבען קיין קולפא־קאוו.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א אָרי־גינעל בילד פון דעם שרעקליכען פאל.


## גראטולאציעס.

נברך את מר שאלתיאל אייזיק גרעבער ביא־אפלוי לנשואי בתו מרת פריערא עם מר מרדכי שליסעלפעלד.
יוסף פישער וי. קרסל.

ליב בראנדסדא־פער ורעיתו מברכים בברכת מז"ט את ש"ב שלמה האנינוואקס לארסיו עם העלמה צעציליא שטיעגליטץ מטא־נאברוגע.

## עפילעפסיע.

ווער עס אן פאללזיכט. ק־עמפפען א. אנדערע נערוועזען צושטענדען לייעדט. פערלאנגע בראשירע דאריבער.
ערהעלטליך גראטיס א. פראנקא דורך די
Privil. Schwanen-Apotheke. Frankfurt a. M.

HOTEL-RESTAURANT
Rosenthal
Lemberg,
Rzeźnicka.

Spezial-Verkehr nach Süd-Russland.
N. Katzner, Spedition u. Kommission
Podwoloczyska, Woloczysk, Brody und Radziwilow
Feste Durchfrachten von und nach Russland.
Export von Holzwolle, Eierkistenbrettern u. Sensenwetzsteinen
Steinkohlen, Antracit und Koks.
Tee in Originalpaketten mit kais. russ. Kronsbanderolle.

## זאדאוואסער־מאשינע!



קופפער־
צילינדער,
סיפאן
אונד
לימאנאדען־
פלאשען
ליפערט
שטוינענד בילליג:
Brückenstein Lemberg, Panieńska 15.

## זעהר וויכטיג.

ווער אויף איינען נעבענפערדיענסט טעגליך 25 K. דורך דען פערקויף פאן געזעטצליך געשטאטעטע לאזע רעפלעקטירט, דער ריכטע זיינע אדרעססע אן:
M. KERN in Posada Olchowska
bei Sanok.




די לעצטע פוילישע רעפובליק: דאס דארף ארוומפאל.

Telefon Nr. 484 ✱ Unternehmung für elektrische Beleuchtung & Kraftübertragung ✱ Telefon Nr. 484.



# Ing. Rudolf Popper, Krakau, Florianigasse 47.

Gerichtlich beeideter Sachverständiger.

Bau elektrischer Zentralstationen jeder Art und Grosse für Beleuchtung & Kraftübertragung. Komplette Einrichtungen für Fabriken, Gruben, Mühlen, Ziegeleien, Dampfsagen, Raffinerien, Brauereien, Landwirtschaften, Hotels, Villen, Palaste etc.

Bau von schalttafeln für alle Stromarten.

Fabrikation von elektr. Starkstromapparaten für Specialzwecke.

Grosstes Lager elektrotechnischer Installationsmaterialen, Dynamomaschienen, Elektromotoren; Ventilatoren, Bogenlampen, sowie aller Art moderner Beleuchtungskörper.

Projekte, Kostenanschlage und technische Beratungen auf Verlangen kostenlos.

## Lecznica chirurgiczna Zakład Roentgenowski

## Dr. Artura Frommera

Godziny ord. 9—11 przedpoł. 3—5 popoł.

Kraków, Tomasza 18. Róg ul. Floryańskiej

Telefon Nr. 81.

## Bandaże rupturowe

**Specyalny bandażysta, fachowiec od 25 lat**

**Ant. M. Mirkiewicz w Krakowie, Mostowa I. 4**

poleca osobom cierpiącem na przepukliny pastwinowe paski różne własnego wyrobu oraz pasy brzuszne dobrej konstrukcyi jako znakomitość i nowość, — paski bez sprężyn swoich ulepszeń i wynalazków, mając tą dobroć w noszeniu że niesprawiają żadnych dolegliwości jak sprężynowe. Dla osób przy cięższych zajściach paska ochronna.

Udziela bardzo ważnych objaśnień w zastosowaniu noszeniu co dla początkujących staje się uleczalnem pod gwarancya.

(Objaśnienie także listownie).

## ZAKŁAD WODOLECZNICZY i SANATORYUM

Spec. chor. nerwowych Dra B. Kupczyka

**Kraków, ul. Szujskiego 11.**

Wodolecznictwo parma, kąpiele gorące powietrzne, swietlno-elektryczne, wodo-elektryczne, gazowe nasycane ciekłym kwasem węglowym (nauheimskie), sztuczne kąpiele mineralne, ciepłe wanny. — Elektryzowanie wszelkiego rodzaju. Masaż ręczny. wibracyjny, elektryczny. — Leczenie dyetetyczne, tuczne. Pokoje dla chorych:

**Wsazania:** Choroby układu nerwowego, żołądka, jelit reumatyzm, niedokrewność osłabienie ogólne, otyłość, skaza moczanowa, cukrzyca. Choroby serca i naczyń krwionośnych

## „השחר“

א נייע בוכהאנדלונג פיר ליטעראטור און קונסט

געגרינדעט דורך מ. קאפלאן.

אין ווארשוי, רימארסקא 16, טעל. 149-96

אין דער בוכהאנדלונג „השחר“ בעקומט מען אלערליי זשאנגאנישע, העברעאישע, רוסישע, פאלנישע און אנדערע ביכער צו די בעסטע בעדינגונגען.

בוכהאנדלונג „השחר“ ווערט זיך בעזאנדער בעמיהען אלע בעשטעלונגען פון פראווינץ פינקטליך און שנעל צו בעזארגען.

אין דער בוכהאנדלונג „השחר“ איז דער גרעסטער אויסוואהל פון בילדער, אל־באמען, נאטען, און אנזיכטס־קארטען.

בוכהאנדלונג „השחר“ נעהמט אבאנענטען אויף אלע אידישע און אל־געמיינע צייטונגען אין אלע שפראכען.

אין דער בוכהאנדלונג „השחר“ בעקומט מען אלערליי שרייב־געציינ.

לעהרערס, חדרים, תלמוד־תורות און ביבליאטעקען בעקומען ראבאט.

א אויספיהרליכער קאטאלאג ערשיינט אין קורצען און ווערד אריסגעשיקט אומזאנסט אויף יעדען וואונש.

דער אויסשליסליכער פערקויף פון אלע אויסגאבען „אביב“ און א. כאהאנא אויף קיעוו איז אין דער בוכהאנדלונג „השחר“.

די אדרעססע:

Buchhandlung „HASCHACHAR“ Warschau Rymarska 16

Schönste

## Hochzeits-Geschenke und Verlobungsringe

aller Art Uhren, Ketten. Juvelen, Gold, Silber und Neusilberwaren

**BILLIGST** bei Emil Goldwasser. Krakau, Grodgasse **Nr. 58**

Bitte die Adresse u. Hausnummer gefl. genau zu beachten.

## ARTHUR POPPER

KRAKAU

chem. Waschanstalt und Kunstfärberei mit Dampfbetrieb

Empfiehlt sich zum chem. Reinigen von Herren, Damengarderobe, Vorhange, Portiere, Talisem etz.

Ausführungen unübertroffen. Preise billiger als überall.

**Provinz-Aufträge werden postwendend ausgefertigt und franko retouniert.**

Wer auf einmal für 20 K. zum Reinigen oder Farben Gegenstande gibt, erhalt 8% **Rabatt** oder einen Gegenstand gratis gereinigt.

Fabrik und Bureau

**KRAKAU**

Zwierzynieckagasse Nr. 25

Ausgezeichnet mit den grossen goldenen Medaile auf der Hygenischer Ausstellung in Paris.

Wydawca: M. Fischer. — Odpowiedzialny redaktor: J. Kreppel — Drukarnia Józefa Fischera w Krakowie.